# קול
# צעירי הצאן

**חודש'ליכע אויסגאבע**

**כיתה מכינה א׳ ת״ת יעב לב דרב״י סאטמאר**

קרית יואל - בני ברק

בעזהשי"ת | ערב שבת חנוכה - שבת מברכים טבת, תשע"ב | צווייטע אויסגאבע


# הערליכע שיינע מסיבת כ"א כסלו יום הצלה ושחרור כ"ק מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע פארגעקומען פאר די צעירי הצאן

א ספעציעלע שיינע מסיבה האבן די קינדערלעך פון מכינה א' מיטגעהאלטן פארגאנגענעם זונטאג נאכמיטאג פרשת מקץ, וואס איז פארגעקומען אין ביהמ"ד הגדול ויואל משה, די קינדער זענען געקומען אנגעטוהן מיט בגדי שבת לכבוד המאורע.

אויף גאר א שיינע וואונדערליכע סדר איז געווען אויסגעשטעלט די קינדער מיט די הילף פון די געטרייע מלמדים פון די תלמוד תורה, די קינדער האבן געזונגען חסדי ה' כי לא תמנו, און מ'איז געטאנצן, די קינדער האבן זיך מיט געפרייט מיט די גרויסע שמחה אז דער רבי זי"ע איז ניצול געווארן אין דעם טאג.

דערנאך האט מען פארטיילט לאטקעס מיני מתיקה און געטראנקען פאר די קינדער, דאן האבן זיי זיך צוגעהערט צו די דרשות וואס איז געהערט געווארן לכבוד היום, צום ערשט האט דער חשובער מנה"ר הרב ר' יקותיאל יצחק בראך שליט"א פארציילט שיינע עפיזאדן פון רביה"ק בעל הנס זי"ע, דערנאך האבן זיך די קינדער צוגעהערט צו די דרשה פונעם מלמד הרב ר' הערשל גראס שליט"א וואס איז א זוהן פון הרה"ח ר' משה גראס ז"ל פון שווייץ וואס רביה"ק איז ביי אים איינגעשטאנען זייענדיג אין שווייץ גלייך נאכ'ן קריג, ר' הערשל האט אויף זיין שטייגער געהאלטן געשפאנט די קינדער וואס האבן געשלונגען מיט דארשט זיינע שיינע מעשיות וואס ער האט געהערט פון זיין טאטן ז"ל וואס האט אליין בייגעוואוינט ביים רבי'ן ז"ל.

## בשורה משמחת

## הופיע סידור תפילה לצעירי הצאן

עס איז דא צו באקומען די סדר התפילה פון די צעירי הצאן, ווילט איר מ'זאל עס אייך אהיים שיקן, שרייבט אריין אין די זונטאג צעטל, וועט מען אייך אהיים שיקן אי"ה.

## א ספעציעלע נקודה פון די וואך

- **ויצא** - ווי אזוי מיר דארפן זיך פירן ביים לייגן שלאפן, אז מ'לייגט זיך ווי א איד שטייט מען אויף ווי א איד.
- **וישלח** - ווי אזוי מיר דארפן זיך פירן ביים אויפשטיין אינדערפרי גראד לויבן דעם באשעפער.
- **וישב** - פאלגן דעם טאטע אזויווי יוסף הצדיק, און אז מ'טאר נישט מקנא זיין ווען א חבר האט עפעס א זאך אזוי ווי די ברודער'ס פון יוסף האבן נישט גוט געטוהן אז זיי האבן מקנא געווען יוסף.
- **חנוכה** - מסירות נפש פאר א מצוה אפילו גוים לאזן נישט האלטן די תורה לערנט מען באהאלטענערהייט.

# א שיינע מסיבה ר"ח כסלו אין מכינה א'

זייער א שיינע מסיבה איז פארקומען פאר די קינדער פון מכינה א' פארגאנגענעם ראש חודש כסלו העעל"ט, נאך וואס דער מלמד האט ארויס געברענגט די ענין פון ראש חודש, און געלערנט אז ראש חודש גריסט מען א גוטן חודש, האבן די קינדער זיך אויפגעשטעלט טאנצן מיט מוזיק פון א טייפ א לענגערע צייט.

פאר'ן אהיים גיין איז פארטיילט געווארן א גוטע זאך לכבוד ראש חודש, און אזוי אויך א שיינע סטיקער.

יחדשהו הקב"ה עלינו ועל כל עמו בית ישראל לטובה ולברכה.

# די הכנה צום יו"ט חנוכה אין מכינה א'

פון זונטאג פרשת וישב האט מען שוין אנגעהויבן צו דערציילן פאר די צעירי הצאן איבער דעם יו"ט חנוכה, מיר האבן געלערנט מיט די קינדער די ברכות אויף די ליכט, מיר האבן געוויזן וואו לייגט מען די מנורה, מיר האבן געברענגט א שיינע מנורה, אויסגעשטעלט שמן, ליכט, לאטקעס, קנויטן א.א.וו. מיר האבן געמאכט מיט די קינדער שיינע מנורות וואס די קינדער האבן אהיים געברענגט, מיר האבן געברענגט די טעיפ מיט די ניגונים פון חנוכה די קינדער זאלן דאס קענען חזר'ן, און ב"ה זיי קענען דאס זייער פיין מיט זינגען, אויך האבן מיר געגעבן צו הערן ווי אזוי כ"ק מרן רבינו שליט"א מאכט די ברכות פאר'ן צינדן די חנוכה ליכט.

**גייענדיג צום דרוק:**

# שיינע טענץ דורך די קינדער לכבוד חנוכה

מיטוואך יום ב' דחנוכה זענען די קינדער פון מכינה א' ארום געגאנגען ביי אלע כיתות ווי זיי האבן געטאנצן און געזונגען לכבוד חנוכה.

די קינדער האבן זייער שטארק הנאה געהאט דערפון, און אויך ביי די אנדערע כיתות האט מען אריין געברענגט א גייסט פון שמחה להודות ולהלל לשמך הגדול.

# די ניגונים וואס מיר האבן געזינגען דעם חודש

- חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו
- וכולם מקבלים עליהם עול מלכות שמים
- ניגון מהרה"ח ר' יו"ט ערליך: ליגט דאס קינד און הערט א.א.וו.
- בך בטחו אבותינו בטחו ותפלטמו אליך זעקו ונמלטו בך בטחו ולא בושו
- ולך עשית שם גדול וקדוש בעולמיך ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה ופורקן כהיום הזה
- ניגוני חנוכה

# גרוים התרגשות און ערווארטונגען ביי די קינדער שיחיו צו די חנוכה מסיבה קומענדיגען זונטאג

ווי די פארגאנגענע יארן וועט געפראוועט ווערן א שיינע מסיבת חנוכה פאר די צעירי הצאן, דעם קומענדיגע זונטאג נר ה' דחנוכה ערב ראש חודש טבת הבעל"ט.

ביי דעם געלעגנהייט וועלן די קינדער אויך לויבן פאר השי"ת אויף די גרויסע חסדים, נאך וואס מ'האט פארגאנגענעם ליל שב"ק געטראפן זייער באליבטן חבר הערשי טייכמאן נ"י, נאכן זיך פארבלאנזשן איז ער ב"ה אנגעקומען בשלום אהיים.

די קינדער וועלן קומען אנגעטוהן שבת'דיג עס וועט געהערט ווערן א דרשה דורך די מנהל, און א שיינע קאפעלע מיט ניגונים, מיר האפן עס וועט זיין גאר א שיינע פראגראם וואס די קינדער וועלן גאר שטארק הנאה האבן בעז"ה.

# זיסע געדאנקען

## פון דעם קליינעם אוצר'ל

- רבי, עס האט זיך מיר צוריסן מיין פאסיק, דו ווייסט אז דאס איז אזא טייערע פאסיק, ווייסט וויפיל די פאסיק קאסט? וויפיל? – פרעגט דער מלמד – 120 נאך אכט שקל.

- מ.ש. נ"י: רבי, א יא נאך ווען מ'וואשט זיך די הענט צו ברויט דארף מען זאגן "נא", ווייל מ'טאר נישט אויסרעדן – דאס יונגל דערציילט דאס נאכן וואשן צום ברויט (א שאלת חכם).

- ז.מ. נ"י דערציילט: דו ווייסט מיין רבי זאגט אז דער אויבערשטער האט אין הימל אסאך מן און ער גיט אראפ איינס פאר פרייטאג און איינס פאר שבת, וועגן דעם מאכט מען א שבת טאטע און דער רבי לייגט 2 טישטעכער.

- א.ב. נ"י דערציילט אין שטוב: אז דער רבי האט געגעבן צו הערן א טעיפ אין חדר ווי אזוי דער סאטמארער רבי זאל זיין געזונט מאכט די ברכה אויף די חנוכה ליכט, און יונגלעך האבן געלאכט, איך האב זיי געזאגט – דערציילט דער יונגל ווייטער – אז מ'טאר נישט לאכן ווייל דער סאטמארער רבי קען זיך פארשעמען...

- ווער ווייסט פארוואס עסט מען חנוכה לאטקעס? פרעגט דער רבי פאר די קינדער, רופט זיך אן י.מ. נ"י, ווייל מ'איז הונגעריג.

- ווען דער רבי האט פארציילט פאר די קינדער ווי יעקב אבינו האט געלערנט מיט יוסף נאך ווען די ברודער'ס זענען ארויס געגאנגען פאשען מיט די שעפסעלעך, רופט זיך אן נ.ק. נ"י, זיי האבן זיך באהאלטן אין די לאך, ווייל די יוונים קענען קומען.

# דאס ווארט פונעם מלמד

**מיט** דאנק און לוב צו השי"ת אז מיר האלטן ב"ה ביי די צווייטע אויסגאבע צום שבת מברכין חודש טבת הבעל"ט.

**אזוי** ווי מיט גרויס פרייד איז אויפגענומען געווארן די ערשטע אויסגאבע וואס די עלטערן האבן געמאכט אויף דעם א ברכת הנהנין, און זיך דערקוויקט דאס הארץ, קענענדיג מיטהאלטן וואס עס טוט זיך אין חדר, פון וואו זענען די יסודות החינוך פונעם מלמד, ווי עס ווערט געפירט מיט סייעתא דשמיא בזכותו של המייסד מרן רבינו הק' זי"ע.

**מיר** האבן גאר שטארק הנאה געהאט פון די שיתוף פעולה מצד די עלטערן שיחיו, וואס געבן איבער אישית'דיג חיזוק ווערטער, הן בכתב והן בעל-פה, אויף גאר א שיינעם פארנעם, דאס גיט אסאך כח אויפן המשך, מיר נעמען אן מיט שמחה אלע הארות והערות.

**פאר** סיי וואספארא פראבלעם וכדו' קען מען רופן דעם מלמד: 050.4165662 אדער אין שטוב: 03.5793036

**השי"ת** זאל העלפן מיר זאלן געזונטערהייט קענען ווייטער מחנך זיין די קינדער און בקרוב אקעגן גיין משיח צדקינו ומלכינו בראשינו במהרה בימינו אמן.

א גוט שבת און א גוטן חודש
און א פרייליכן חנוכה

המלמד:
נפתלי יעקב פאלאטשעק

# חשוב'ע געסט פון ניו יארק באזוכן אין תלמוד תורה ווערן נתפעל פון די קינדער פון מכינה א'

דאנערשטאג פרשת ויצא האט באזוכט אין מכינה א', הרה"ח ר' בערל גלאנץ הי"ו פון קרית יואל, וואס איז געקומען באזוכן אין באגלייטונג פונעם מנהל רוחני הרב ר' יקותיאל יצחק בראך הי"ו.

אריינקומענדיג האבן די קינדער אים באגריסט מיט א שיינעם שלום עליכם און ברוכים הבאים, דער גאסט האט געבעטן פון דעם מלמד אז ער ווי הערן ווי אזוי די קינדער וויסן פון מציאות ה' און בריאת שמים וארץ. די קינדער האבן בליעה"ר גאר שיין געוואוסט אלעס צו זאגן, כאטש זיי זענען ערשט יעצט אריבער פון קינדער גארטן צו מכינה א'.

דער גאסט האט דאס זייער שטארק באוואונדערט, און געזאגט: "געלויבט השי"ת אז די מסורה האלט ב"ה ווייטער אן". דער מנהל האט אים איבער געגעבן די חודש'ליכע אויסגאבע וואס איז ערשט דאן ערשיינען געווארן, דער גאסט האט זייער הנאה געהאט דערפון און נישט געקענט באהאלטן זיין באגייסטערונג פון די צעירי הצאן.

* * *

אזוי אויך האט באזוכט אין מכינה א' הרה"ח ר' אברהם בראך הי"ו פון וויליאמסבורג, וועלכער איז פון די גרויסע שטיצער'ס פון מוסדות יטב לב, און איז ספעציעל איבער געגעבן פאר אונזערע מוסדות אין בני ברק.

דער גאסט האט זייער שטארק הנאה געהאט פון די ידיעות וואס די קליינע צעירי הצאן האבן געקענט, און די קינדער האבן אים אים געוואונטשן הצלחה אין אלע ענינים.

# באזוך פון הרה"ח ר' יצחק בנעט שליט"א ביי די צעירי הצאן לאזט איבער א געוואלדיגע רושם

זונטאג פרשת וישלח איז פארגעקומען די שמחת החאלאקע פון יודא מנחם זאב היילברון נ"י, זוהן פון הר"ר יצחק אליעזר היילברון הי"ו, איידעם פון דעם מרביץ תורה הרה"ג ר' עזרא בנעט שליט"א, מיטן השתתפות פון דעם עלטער זיידע הרה"ח ר' יצחק בנעט שליט"א.

דאס השתתפות פון הרה"ח ר' יצחק שליט"א האט אויסגערופן גרויס פרייד, ווייל דער צימער וואו עס געפינען זיך די צאן קדשים האבן מנדב געווען משפחת בנעט לעילוי נשמת זייער פעטער ר' בן ציון בנעט ז"ל, ר' יצחק האט דערציילט אז נאך די פטירה פון דעם פעטער ז"ל און אזוי ווי ער האט ל"ע נישט איבער געלאזט קיין קינדער, האבן מיר אינאיינעם מחליט געווען, אנשטאט זיך דינגען ווי אזוי צו טיילן די ירושה, לאמיר בעסער מנדב זיין א צימער אין חדר, דער נפטר וועט הנאה האבן דערפון, און אונז אויך, די זכיה צו האבן א צימער אין ת"ת וואס רבינו הק' זי"ע האט מייסד געווען.

דערציילט ווייטער ר' יצחק זאל זיין געזונט, אין שנת תשי"ב איז דער רבי זי"ע געקומען קיין ארץ ישראל, האט ער באזוכט ביים חזון איש, האט דער רבי געזאגט, איך האב דאך נישט קיין קינדער, האט דער חזון איש ז"ל געזאגט "חז"ל זאגן כל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו, זאל דער סאטמארער רב אויפשטעלן א חדר דא אין בני ברק".

דער רבי זי"ע האט אריבער גערופן ר' הערש אלימלך ז"ל און אים געבעטן ער זאל זיין מלמד, האט ר' הערש אלימלך געזאגט: "איך האב דאך א זאק פאסט וואס איך דארף אויסטיילן", זאגט אים דער רבי: "איך קען לערנען לשון קודש, איך קען דאס אויך אויסטיילן, דו נעם איבער דעם פאסטן".

ר' יצחק זעצט ווייטער פאר מיט זיין ערציילונג: א שטיקל צייט בעפאר האט דער חזון איש געהאט אריבער גערופן הרב וואזנער שליט"א בעל שבט הלוי, און אים געזאגט: ער זאל קומען וואוינען קיין בני ברק, דיין פלאץ איז נישט אין ירושלים, האט הרב

וואזנער געזאגט: איך וויל דאך מיין קינד זאל לערנען אויף אידיש, האט דער חזון איש געזאגט, עס איז דא א איד וואס לערנט פריוואט אין שטוב מיט קינדער אויף אידיש, איך וועל אים בעטן אז ער זאל ארייננעמען אייער קינד אויך, דערנאך איז דער איד נפטר געווארן, האט דער חזון איש געלאזט רופן הרב וואזנער שליט"א און אים געזאגט, איך האב פאר דיר א בשורה טובה, עס איז דא א חדר אויף אידיש, דאס איז די תלמוד תורה וואס דער סאטמארער רב זי"ע האט געגרינדערט.

נאכדעם האט ר' יצחק שליט"א געוואונטשן פאר אלע קינדער צאן קדשים זיי זאלן וואקסן מיט תורה ויראת שמים מיט מידות טובות, די עלטערן זאלן האבן אסאך אידיש נחת פון ענק, און בקרוב זאלן מיר זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו במהרה בימינו, און די קינדער האבן אויסגעשריגן "אמן".

# פון די הנהגות פון ר' הערש אלימלך ז"ל אין חינוך צעירי הצאן

ר' הערש אלימלך ז"ל פלעגט מיר כסדר זאגן, אז אויב האט א קינד נישט געטוהן וואס מ'מעג, דארף מען אים עס אסאך מאל זאגן, למשל, א אינגל איז אראפ צו די כביש, אדער ער האט אוועק געווארפן ברויט אדער געשלאגן א חבר, זאל מען איבער חזר'ן אסאך מאל פאר'ן קינד: "מעג מען אזוי טוהן?, דו וועסט דאס נאכאמאל טוהן?".

*

די זעלבע האט ער זיך געפירט כסדר אנזאגן די זאכן יעדן טאג בכלליות פאר'ן אהיים גיין, און אזוי פירן מיר זיך אויך דאס צוזאגן יעדן טאג, אפילו די קינדער האבן דאס שוין גאר גוט געקענט, אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה פעמים ואחד.

מיר ברענגען דא דעם ספעציעלן נוסח וואס מיר חזר'ן מיט די קינדער יעדן טאג: "מען זאל פאלגן די טאטע און מאמע, מאכן שיין א ברכה, אפגיסן די הענט, ליינען שיין קרי"ש, קושן די מזוזה, מ'זאל שטענדיג גיין מיט א קאפל אויפן קאפ מיט די ציצית. נישט זאגן קיין ליגנט, נישט גנבענען, נישט רעדן קיין מיאוסע ווערטער, נישט לויפן אויפן כביש, נישט זיך שמוציג מאכן ווייל די מאמע האט נישט קיין כח צו וואשן [דערציילט ער אמאל, אז א אינגל האט זיך אנגערופן, מיין מאמע האט יא כח צו וואשן]. נישט אויפהייבן גארנישט פון די גאס, נישט נעמען געלט אין מויל אדער אנדערע שעדליכע זאכן חלילה, נישט ארויף גיין אויפן טיש, א טיש איז א מזבח, און מ'קען ח"ו אראפפאלן, נישט זיך ארום שלאגן, ווייל אויב מען שלאגט איז מען א רשע, ווי אזוי האט משה רבינו געזאגט? רשע פארוואס שלאגסטו א חבר, און פון חדר גייט מען גראד אהיים, און מ'גריסט צופרי א גוט מארגן, מיטאג א גוטן טאג, אויפדערנאכט א גוטע נאכט, א.א.וו. שבת, יום טוב, ראש חודש, און שטענדיג גע'חזר'ט אז מ'טאר נישט פארגעסן אז ס'איז דא א גאט אין הימל און אויף די גאנצע וועלט, ער איז נאר איינער און מער איז נישט דא קיינער".

*

וועגן דעם ענין פון געבורט'ס טאג, האט ר' הערש אלימלך ז"ל נישט געמאכט א עסק ס'איז נישט קיין אידישע זאך, ער האט געלאזט פארטיילן פאר'ן קינד נאש אן צו זאגן אז עס איז לכבוד דעם געבורט'ס טאג נאר מ'זאל אים זאגן יישר כח און ער זאל זיין געזונט ביז 120 יאר.

בדרך אגב איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין מעזיבוש איז געווען דארט א חב"ד'סקער חסיד, האט ער דערציילט אז ער איז געווען אין פלארידע צוזאמען מיט מרן רבינו הק' בעל ברך משה זי"ע, האט ער אים געפרעגט וואס זענט איר אזוי אנטקעגן דעם חב"ד'סקן רבי'ן, האט דער רבי דער ברך משה זי"ע געזאגט: אייער רבי האט געפראוועט א יו"ט פון געבורט'ס טאג, איהר ווייסט אז א יום הולדת איז דערמאנט שוין אין די תורה, יום הולדת "פרעה", פרעה האט געהאט א יום הולדת, ביי אידן איז נאר וואס איז דערמאנט בן חמש למקרא בן שמונה עשר לחופה א.א.וו.

דאס איז א לימוד פאר אונז ווי אזוי מ'פראוועט א געבורט'ס טאג.

# שיינע ווערטלעך פון ר' הערש אלימלך ז"ל

עס איז אמאל געווען ביי מיר א קינד וואס ער האט גאר שטארק געוויינט, און האט זיך שטארק געבענקט צו די מאמע, פלוצלינג האט דאס קינד אויפגעהערט צו וויינען, האב איך אים געגעבן א זאג: "אה, ער וויינט שוין נישט", רופט ער זיך אן: "ניין רבי, איך רוה זיך נאר אפ".

*

ווייסט איר ווי אזוי די חדר הייסט "בית היין", א ווין הויז, די קינדער וויינען דא כסדר, אזוי גייט דאס.

*

ווען א מלמד איז עטליכע טעג נישט געקומען ווייל ער האט זיך נישט גוט געפילט, פלעגט ער אים אויפנעמען מיט א "ברוך הבא", "ברוך רופא חולים", ווייסט דאך אז אין די תורה שטייט שוין אז מ'דארף זיך דערווייטערן דערפון, מדבר שקר תרחק, פון ליגן זאלסטו זיך דערווייטערן.

## 10'טע יארצייט פון הרה"ח ר' שלמה זלמן ב"ר מרדכי ווירצבערגער ז"ל

זונטאג פרשת וישלח ח' כסלו האבן די קינדער פון כיתה מכינה א' געלערנט און געדאווענט לעי"נ פון ר' שלמה זלמן ב"ר מרדכי ווירצבערגער ז"ל וואס די צימער וואו די קינדער לערנען איז נתנדב געווארן לעילוי נשמתו, תנצב"ה.

# די תהלים פון קליינע קינדער שפאלטן הימלען

מיר פארשטארקן צוריק דאס יאר דאס ענין פון הזכרת שמות וואס דארפן רפואות ישועות פרנסה שידוכים וזש"ק.

עס ווערט געברענגט אין ספר קב הישר פרק ע"ב, אז ביי א פלאץ וואו עס געפינט זיך תינוקות של בית רבן דארט געפינט זיך די שכינה הקדושה, אינעם זוהר הק' פרשת לך לך שטייט אז זייערע בקשות שפאלטן הימלען.

ווען די חדר האט זיך געפינען אין זכרון מאיר זענען אידן כסדר אריינגעקומען מיט בקשות מזכיר זיין און נעמען א ברכה פון די קינדער, ווען עס איז געקומען די ישועה פלעגט מען באלוינען אדער מנדב זיין פאר זיי שפילצייג א.ד.ג.

זייט די חדר איז אריבער דא אין שיכון האט זיך דאס אפגעשוואכט.

אזוי ווי וואס מיר שרייבן דא ווערט נתפרסם וחברא חברא אית לי' וועלן מיר דאס קענען אי"ה צוריק שטעלן, די קינדער זענען כסדר מתפלל בכלליות:

"די קראנקע זאלן האבן א רפואה שלימה, די געזונטע זאלן בלייבן געזונט, אידישע קינדער זאלן האבן ברייט פרנסה, גוטע שידוכים, די וואס זיצן אין תפיסה זאלן באפרייט ווערן, מיר זאלן ניצול ווערן פון מלחמות, און מיר זאלן שוין געהאלפן ווערן מיט די גאולה שלימה, במהרה בימינו אמן".



שמחת החאלאקע פון א אור-אייניקל פון הרה"ח ר' יצחק בנעט שליט"א



הרה"ח ר' יצחק בנעט שליט"א ביים זיך משתתף זיין בשמחת ההחאלאקע אין חדר



מסיבת כ"א כסלו פאר די קינדער



די הערליכע מנורות וואס מיר האבן געמאכט מיט די קינדער לכבוד חנוכה

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע
בני ברק
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

# נייעס באריכטן

מכינה ב' | המלמדים: הר"ר יואל כץ הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

ב"ז כסלו תשע"ב | מקץ - חנוכה | גליון מס' 8

# שיינע מסיבת כ"א כסלו פארגעקומען פאר די קינדער אין ביהמ"ד הגדול אין שיכון

פארגאנגענעם זונטאג נאכמיטאג פרשת מקץ האבן זיך די קינדער באטייליגט אין גרויסארטיגע מסיבה וואס איז פארגעקומען אין ביהמ"ד הגדול אין שיכון, לרגל כ"א כסלו יום שחרור והצלת מרן רביה"ק זי"ע

די קינדער האבן אנגעפאנגען די מסיבה מיט שיינע טענץ, זיי זענען געטאנצן אין א לאנגע רייע ווי א באהן, אלס זכר לנס וואס דער רבי זי"ע איז ניצול געווארן מיט די באן וואס האט אים געפירט קיין שווייץ, די קינדער האבן א לאנגע צייט ארום גענומען די שוהל טאנצענדיגערהייט.

דערנאך האט מען פארטיילט לאטקעס מיני מתיקה און געטראנקען פאר די קינדער, דאן האבן זיי זיך צוגעהערט צו די דרשות וואס איז געהערט געווארן לכבוד היום, צום ערשט האט דער חשובער מנה"ר הרב ר' יקותיאל יצחק בראך שליט"א פארציילט שיינע עפיזאדן פון רביה"ק בעל הנס זי"ע, דערנאך האבן זיך די קינדער צוגעהערט צו די דרשה פונעם מלמד הרב ר' הערשל גראס שליט"א וואס איז א זוהן פון הרה"ח ר' משה גראס ז"ל פון שווייץ וואס רביה"ק איז ביי אים איינגעשטאנען זייענדיג אין שווייץ גלייך נאכ'ן קריג, ר' הערשל האט אויף זיין שטייגער געהאלטן געשפאנט די קינדער וואס האבן געשלונגען מיט דארשט זיינע שיינע מעשיות וואס ער האט געהערט פון זיין טאטן ז"ל.

די קינדער האבן זייער הנאה געהאט פון די שפיל וואס די קינדער פון מכינה לישיבה קטנה האבן געמאכט וואס איז געווען א מעשה אויף חנוכה.

---

# אלע קינדער האבן הערליך אראפ געשפילט די שפיל פון די וואך פון יו"ט חנוכה

אנדערש ווי יעדע וואך, האבן מיר די וואך נישט געמאכט קיין גורל ווער עס זאל שפילן די שפיל פון די וואך, נאר די גאנצע כיתה אלע קינדער האבן צוזאמען אראפ געשפילט די שפיל פון חנוכה, די קינדער האבן זיך באהאלטן יעדער איינער אין א אנדערע ווינקל, מיט א ספר און א דריידל, ווען די יוונים קומען פארמאכן זיי דעם ספר און זיי מאכן זיך אזוי ווי מ'שפילט זיך דריידל, כדי די יוונים זאלן נישט באמערקן ווי אזוי זיי לערנען די הייליגע תורה באהאלטענערהייט.

אזוי אויך האבן די קינדער אראפ געשפילט ווי אזוי די חשמונאים גייען אריין אין בית המקדש, און זיי האבן געזוכט א קריגל שמן, ביז מ'האט געטראפן א קריגל מיט כשר'ע שמן, די קינדער האבן עס זייער שיין אראפ געשפילט און זיי האבן זיך זייער געפריידט ווען מ'האט געטראפן די שמן.

# ספעציעלע שיינע דריידעלעך על טהרת הקודש אויסגעטיילט פאר די קינדער לכבוד חנוכה

שטייענדיג אצינד אין די חנוכה האבן מיר ספעציעל באשטעלט פון אמעריקא דריידלעך על טהרת הקודש, ווי באקאנט האבן די ציונים צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן

תלמוד תורה יטב לב
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקודה"ק זי"ע
בני ברק
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
דחתנו יואל מסאטמאר

# נייעס באריכטן

מכינה ב' | המלמדים: הר"ר יואל כף הי"ו והר"ר יואל אברהם שווארץ הי"ו

פארזעצונג פון די ערשטע זייט

פארדרייט דעם אנגענומענעם מנהג פון שרייבן אויפן דריידל נ.ג.ה.ש. מיט די אותיות נ.ג.ה.פ., און עס איז נישטא צובאקומען דאהי אין ארץ ישראל קיין דריידלעך מיט א ש', דעריבער האט די הנהלת מוסדות יטב לב פון אמעריקא באשלאסן צו שיקן פאר די קינדער א חנוכה מתנה, א דריידל וואס זינגט אויך א חנוכה לידל, וואס דאס איז אויך נישט דא צו באקומען א דריידל וואס זינגט אויף אידיש.

די הנהלת מוסדות יטב לב האט אויסגענוצט צו געבן די מתנה פאר די קינדער אלס אות הוקרה פאר'ן מתפלל זיין טאג טעגליך פאר די תומכי המוסדות, ווי די קינדער זאגן יעדן טאג א ספעציעלע תפילה אויף אידיש לזכות פון די תורמים להחזקת מוסדותינו הק', וואס מ'האט זיך שוין איבערגעצייגט נישט איינמאל ווי זייערע תפילות ברעכן אלע טויערן.

די עסקנים פון מוסדות יטב לב האבן טאקע געטראפן די ספעציעלע סארט כשר'ע דריידלעך מיט א ש' און עס צינדט זיך אן שיינע פארביגע לעמפלעך און עס זינגט אויף די אידישע שפראך דעם לידל "אוי חנוכה אוי חנוכה א יום טוב א שיינע", די קינדער האבן זיך זייער געפריידט דערצו.

## די קינדער האבן געמאכט שיינע האנט ארבעט לכבוד חנוכה

מיר האבן אויפגעבויט אינאיינעם מיט די קינדער א מנורה פון לעגא, און די קינדער האבן זייער הנאה געהאט, און מיר האבן צוגעלייגט צו דעם בילדער אויף חנוכה, ווי אויך א בילד ווי אזוי דער רבי דער ברך משה זי"ע צינדט אן די מנורה.

## אינהאלט פון די וואך:

צוליב די חנוכה טעג, שיקן מיר די וואך נישט אהיים קיין שאלות, אבער די עלטערן קענען פרעגן די קינדער פון די פרשה צעטל, די קינדער מוזן נישט אלעס קענען ענטפערן, וויבאלד מיר האבן די וואך בעיקר זיך אפגעגעבן מיט ענינים פון חנוכה.

*

אזוי אויך צוליב די קורצע פרייטאג פון ערב שבת חנוכה האבן מיר נישט געמאכט קיין שבת טאטע די וואך.

# שיינע מסיבת חנוכה וועט אי"ה פארקומען אין חדר די קומענדיגע וואך זונטאג הבעל"ט

אזוי ווי עס איז שוין איינגעפירט אין די פארגאנגענע יארן וועט אויך די יאר אי"ה געפראוועט ווערן א ספעציעלע שיינע מסיבה פאר די קינדער שיחיו לכבוד חנוכה.

די מסיבה וועט פארקומען אי"ה דעם קומענדיגע זונטאג פארמיטאג יום ה' דחנוכה ערב ראש חודש טבת הבעל"ט.

די קינדער ווערן געבעטן צו קומען צייטלעך אין חדר, כדי מיר זאלן קענען אנהייבן פריה די מסיבה.

די קינדער וועלן אי"ה הערן ביי די מסיבה דורכ'ן טעיפ די ברכות פון מרנן רבותינו הק' זי"ע און להבחל"ח מרן רבינו הגה"ק שליט"א פאר חנוכה ליכט.

**זאת חנוכה נאכמיטאג וועלן מיר אי"ה מאכן א פייער אין ת"ת צו פארברענען די קנויטן פון חנוכה ווער עס וויל קען שיקן מיט די קינדער די קנויטן**

# אונזער
# קינדער גארטן

**מהנעשה ונשמע**

## בכיתת גן בתלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר קרית יואל בני ברק

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**כיתת המלמדים הר"ר דוד בן ציון וויינבערגער הי"ו והר"ר יואל ברד"מ ווייס הי"ו**

בעזהשי"ת | **פרייטאג פרשת מקץ - חנוכה, תשע"ב** | זיבעטער אויסגאבע

## נושא השבוע

די וואך האבן מיר ארום גערעדט וועגן די נושא פון וויינען, ווען וויינט מען? ווען מ'כאפט א קלאפ, אדער ווען מ'האט בלוט, א קליינע באבעלע וויינט ווען זי וויל עסן, אונז וויינען מיר נישט וויל אונז זענען מיר שוין גרויסע יונגעלעך, אונז גייען שוין אין חדר, וואס געשעהט ווען מ'וויינט? ס'קומט ארויס טרערן פון די אויגעלעך, א גרויסער יונגל ווען ער פאלט אראפ אדער ווען ער כאפט א קלאפ גייט ער שיין זאגן פאר די רבי' אדער די טאטע מאמע וואס עס איז געשעהן און נישט וויינען, ווייל אויב מ'וויינט קענען מיר נישט הערן וואס עס איז געשעהן.



די וואך האבן מיר צוליב די קורצע צייט

**נישט געמאכט קיין**

# שבת טאטע

---

אין די טעג פון חנוכה

**צינדן מיר אן יעדן טאג חנוכה ליכט**

**וויפיל ליכט מ'צינדט היינטיגן טאג**

און די קינדער האבן זייער הנאה געהאט

---

## ומנותר קנקנים

אי"ה זאת חנוכה

**ווערן מיר מאכן אין חדר א פייער**

צו פארברענען די קנויטן

**ווער ס'וויל קען שיקן מיט די קינדער און מיר ווערן עס אריינווארפן ביי די פייער**

---

## מסיבת חנוכה

זונטיג פארמיטאג ווערן מיר מאכן אי"ה אין חדר

**א מסיבה לכבוד חנוכה**

מיר שיקן אהיים א עקסטערע צעטל וואס מ'זאל ברענגען צו די מסיבה

---

**די ביכל פון חנוכה האבן מיר שוין געשיקט מיט די קינדער פארגאנגענעם מאנטיג**

**אויך האבן מיר אויסגעלערנט פאר די קינדער די צוויי ברכות, להדליק, און שעשה נסים**

---

## ברכת מזל טוב

פאר תלמידינו היקר שיחי'

**יהודה דוד יאזשעף** נ"י

**בן הר"ר חיים מענדל הי"ו**

צו די געבורט פון זיין ברודער

---

## דערמאנונג

**אין די טעג פון חנוכה הייבט מען אן צו לערנען יעדן אינדערפרי**

**בשעה 8:45**